# צום פינטל

גליון עג

פרשת צו-פרה תשפ"ד

משיעורי הרב שלום לאנגסאם שליט"א | בהוצאת מכון מישרים


## פרשה

## כאילו הקרבתי

### ◆ קרבנות, התקרבות העולמות

דער רמב"ם (מורה) זאגט אז די טעם פון די מצוה פון קרבנות איז לאפוקי עבודה זרה, די יודן זענען געווען צוגעוואוינט צו מקריב זיין קרבנות פאר עבודה זרה, האט דער אייבישטער געזאגט, אנשטאט די זאלסט מקריב זיין פאר עבודה זרה, זיי מקריב קרבנות פאר מיר. (די ספרים ברענגען אז אזא מהלך טרעפט מען אין די מדרשים, די מדרש זאגט אז די קרבן פסח וואס די יודן האבן מקריב געווען אין מצרים, איז געווען זיי אוועקצושלעפן פון עבודה זרה, 'משכו וקחו לכם צאן').

אבער אלע קדמונים דינגען זיך שטארק מיטן רמב"ם, ובראשם דער רמב"ן, דער רמב"ן טענה'ט אז 'קרבנות' טרעפט מען שוין ביי אדם הראשון, דעמאלטס איז נאך בכלל נישט געווען קיין עבודה זרה אויף די וועלט, אלא מאי 'קרבנות' איז א ענין פנימי מקרב צו זיין די עולמות, 'קרבנות' איז 'התקרבות העולמות', מ'ברענגט צוריק די וועלט צום אייבירשטן (וכדאיתא בזוה"ק).

'עולם הזה' קומט בעצם פון אויבן, פון העכערע און רוחניות'דיגע עולמות, 'עולם הזה' איז נתגשם געווארן און דערווייטערט געווארן, און דורך די 'קרבנות' ברענגט מען זי צוריק אויף ארויף. ביים וועלטס באשאף איז אלעס געגאנגען אראפ, מער און מער מגושם, ביז דער אייבישטער האט געזאגט 'דַי'. און דורך 'קרבנות' ברענגט מען איר צוריק ארויף צו איר אמת'ע פלאץ.

היינטיגע צייטן האבן אונז נישט קיין קרבנות, אבער די יסודות פון 'קרבנות', צוריק צו מקרב זיין די עולמות, צוריק מקרב זיין אונזער גשמיות'דיגע וועלט, צוריק ארויף צו די רוחניות'דיגע וועלט, דאס איז דא היינטיגע צייטן אויך, און דאס איז די כללות'דיגע עבודה פון יעדער יוד. יעדער ענין וואס דער יוד געבט אוועק פון זיך, איז דאס א ענין פון א 'קרבן', א 'תענית' הייסט ווי קרבנות, יסורים, ברית מילה, תשובה, ענוה, תפלה, אלע זאכן טרעפט מען אין חז"ל אז זיי זענען ווי קרבנות. די ענין פון 'קרבנות' איז אז די 'ישות' פון עולם הזה, ווערט אויסגעלייטערט און נתעלה, אזוי אויך יעדער זאך וואס א יוד טוט צו מבטל זיין די ישות, איז דאס אין כלל פון קרבנות.

די ספרים זאגן אז דער מענטש נעמט דעם 'דומם צומח חי', און ער איז זיי מתקן און מעלה צו דעם 'מדבר', ער לייטערט זיי אויס און מאכט זיי ראוי פאר זיך. מעין זה איז דא למעלה, אז אלעס ווערט אויפגעהויבן, אויסגעלייטערט און ראוי צוריק צו גיין צו די רוחניות'דיגע וועלט. עולם הזה איז מגושם, און זי ווערט נתעלה און נתקרב צוריק צו רוחניות.

### ◆ ריח ניחוח לרצון

די קרבנות זענען א 'ריח ניחוח' למעלה כביכול, די 'ריח' פון די קרבן גייט ארויף און איז מעורר תענוג אויבן כביכול. אזויווי ס'איז דא א 'ריח ניחוח' ביי קרבנות, אזוי איז דא א 'ריח ניחוח' ביי אלע מצוות, 'נחת רוח שאמרתי ונעשה רצוני', די עצם זאך אז מ'טוט זיין רצון ברענגט אים כביכול א 'נחת רוח', דאס אז דער מענטש פארגעסט א מינוט פון זיך און מ'טוט וואס דער אייבישטער האט געוואלט, דאס איז זיין תענוג ונחת רוח, 'שומע מזבח טוב', דער עיקר נחת רוח איז אז מ'פאלגט וואס ער זאגט. ביי קרבנות איז די 'ריח ניחוח' א מציאות'דיגע זאך, א 'ריח ניחוח' גייט ארויף כביכול, און ביי אלע אנדערע מצוות איז דאס מער א ענין פנימי ווי דער רצון איז עולה למעלה און ברענגט א 'נחת רוח' און 'ריח ניחוח' כביכול.

ביי די קרבנות איז דא אסאך די לשון 'רצון', די קרבנות קומען 'לרצון', 'מרצה' צו זיין למעלה כביכול, און זיי דארפן זיין 'לרצון' פון דא אונטן, 'לרצון' פון די בעלים, די בעלים ברענגן די קרבן און שטייען ביי דעם, וואס מיט דעם ברענגן זיי ארויס זייער רצון, 'לרצונו לפני ה'', 'ונרצה לו לכפר עליו', די רצון פון די בעלים גייט ארויף און איז מעורר די רצון למעלה. און אזוי ווי דאס איז דא ביי די קרבנות, די זעלבע זאך איז דאס דא מיט אלע מצוות, אלעס דארף זיין מיט הארץ און רצון פונעם מענטש דא אונטן, אלעס איז מעורר א 'רצון' למעלה, אבער ביי קרבנות איז עס מער באיתגליא, די קרבן כפשוטו איז עולה און מעורר רצון, 'ריח ניחוח לרצון'.

משל למה הדבר דומה, ראובן און שמעון לערנען צוזאמען, ראובן וויל מ'זאל לערנען ווי ער האט ליב, און שמעון וויל מ'זאל לערנען ווי אים, און ראובן איז דער גוטער און ער איז מוותר פאר שמעון, איז אויסער די הנאה וואס שמעון האט אז מ'גייט לערנען וויאזוי ער וויל, אויסער דעם איז ער נהנה פון די עצם זאך אז יענער האט מוותר געווען פאר מיר, וואס די חלק איז נאך אסאך מער פון אלעס. אזוי אויך כביכול למעלה, יעדער מצוה האט זיין הנאה אז מ'האט געטון די זאך אויף זיין וועג, אויך די מהלך החיים וואס ער פארלאנגט כביכול, אבער נאכמער האט ער הנאה פון די עצם זאך אז דער יוד האט געטון ווי דער אייבישטער האט געוואלט, דאס איז פארן אייבירשטן מער ווי אלעס. ס'איז דא די מציאות'דיגע הנאה פון די ריח הצלי פונעם קרבן כביכול, און ס'איז דא די פנימיות'דיגע קשר, אז דער יוד וויל מהנה זיין מיט דעם, דער יוד וויל דעם אייבירשטן כביכול.

**אין חז"ל איז דא אסאך ענינים פון 'כאילו הקריב', און אסאך ענינים פון 'במקום קרבן'. 'הקרבת קרבנות' איז די כללות פון עבודת השם, ממילא מוז זיין אז אין אלע עניני עבודה, קען מען טרעפן עפעס א ענין וואס האט א שייכות צו 'עבודת הקרבנות'**

המשך בעמוד הבא

◆ **כאילו הקריב**

אין חז"ל איז דא אסאך ענינים פון 'כאילו הקריב', און אסאך ענינים פון 'במקום קרבן'. 'הקרבת קרבנות' איז די כללות פון עבודת השם, ממילא מוז זיין אז אין אלע עניני עבודה, קען מען טרעפן עפעס א ענין וואס האט א שייכות צו 'עבודת הקרבנות', במיוחד די נקודה אז דער יוד דא למטה געבט אוועק פון 'זיך' פארן אייבירשטן, וואס די נקודה איז די כללות פון אלע עבודות. און אויך די נקודה אז דער יוד מיט זיין 'רצון' דא למטה, איז מעורר א 'רצון' למעלה.

לאמיר זען עטליכע ענינים וואס די חז"ל זאגן אז ס'איז ווי הקרבת הקרבנות. בראש וראשון איז פארשטייט זיך 'תפלה', וואס איז כל כולו מיוסד אויף 'הקרבת קרבנות', ווי ס'איז באקאנט די אלע חלקים פון תפלה וואס די חז"ל און די פוסקים האבן אראפ געלערנט פון הקרבת הקרבנות. און בעיקר די יסוד וואס מ'האט געשמועסט אז דער רצון פונעם יוד למטה בתפלה, איז מעורר די רצון העליון אראפ צו שיקן אלע השפעות, דאס איז די יסוד פון הקרבת קרבנות, אז די קרבנות גייען ארויף און ברענגען צוריק אראפ רצון און כפרה, און די זעלבע זאך ביים דאווענען, די דאווענען איז אויסגעשטעלט (על פי טבע) ארויף צו גיין למעלה און אראפ ברענגען השפעות טובות.

מ'זעט עס שטארק ביי 'ברכת כהנים', ברכת כהנים לערנט מען ארויס פון 'וירד מעשות החטאת העולה והשלמים', דאס איז די סדר אז נאכן 'הקרבת הקרבנות' קומט אראפ די השפעות אין די צורה פון 'ברכת כהנים', די כהנים זענען סיי די עובדים וואס ברענגען ארויף די קרבנות פון אונטן ארויף, און זיי זענען אויך נאכדעם די וואס ברענגען צוריק אראפ די השפעות אראפ דא אונטן, וואס דאס איז ווען אונז זאגען 'ברכת כהנים' סוף דאווענען אלעס אראפ צו ברענגען.

אויך 'לימוד התורה' איז ווי 'הקרבת קרבנות', ס'איז דא גאר אסאך אין חז"ל וועגן דעם, בפרט די נקודה פון 'הארוואניע אין תורה', די 'עול' און די עבודה פון התמדה בתורה, וואס מיט די דאזיגע נקודה איז דאס דומה צו די עבודה פון קרבנות, דאס וואס דער מענטש געט אוועק פון זיין 'זיך', ער איז מקריב זיין 'זיך' פאר לימוד התורה.

◆ **מדות טובות כקרבנות**

די סוגיא פון 'מידות טובות' האט א שטארקע שייכות מיט קרבנות, אז א מענטש וויל ווערן אין כעס און ער שטארקט זיך, איז דאס פארעכנט ווי א 'קרבן', ער האט געוואלט א 'ישות' פון כעס, און ער האט דאס אוועקגעגעבן פארן אייבירשטן, ער האט גענומען א שטיק פון זיין 'ישות' וואס הייסט 'כעס' און עס אוועקגעגעבן פארן אייבירשטן. די זעלבע ביי 'תאוה' און אלע אנדערע שלעכטע מידות, יעדער מידה וואס ער איז זיך מתגבר, געבט ער דאס אוועק ווי א 'קרבן פרטי' פארן אייבירשטן.

די חז"ל זאגן איז 'ענוה' איז פארעכנט ווי אלע קרבנות צוזאמען, 'כמה גדולים נמוכי רוח לפני הקב"ה, בשעה שבית המקדש קיים אדם מקריב עולה, שכר עולה בידו, מנחה שכר מנחה בידו, אבל מי שדעתו שפלה עליו, מעלה עליו הכתוב כאילו הקריב כל הקרבנות כולן, שנאמר (תהלים נא) זבחי אלהים רוח נשברה לב נשבר ונדכה אלהים לא תבזה' (סוטה ה ע"ב, סנהדרין מג ע"ב).

און די טעם איז ווייל יעדער מידה וואס א יוד ברעכט פון זיך, איז דאס כאילו ער וואלט מקריב געווען א 'אבר' פרטי פון זיין גוף, נאך א חלק און נאך א שטיקל געבט דער מענטש אוועק פון זיין זיך, פון זיין גוף, נאך א שטיקל פון זיין זיך, פון זיין נפש, אבער 'ענוה' איז עפעס אנדערשט, 'ענוה' געבט דער מענטש אוועק זיין גאנצע זיך, ענוה איז פשט אז דער גאנצער עצם מענטש ווערט בטל, די גאנצע נפש זיינער ווערט 'אין', די גאנצע נפש ווערט אויס, איז דאס כאילו ער האט מקריב געווען אלע קרבנות צוזאמען.

◆ **נפשות הצדיקים כקרבנות**

שטייט אין חז"ל אז צדיקים וואס גייען פון די וועלט איז דאס ווי קרבנות פארן דור, דער אייבישטער נעמט די נפשות הצדיקים ווי א 'קרבן' פארן כלל (מ'ווייסט אויך אז למעלה שטייט 'מיכאל שר ישראל' און ער איז מקריב נפשות הצדיקים), פון די אנדערע זייט שטייט אין חז"ל אז 'נפשות הרשעים' זענען ווי קרבנות, נאר פשט איז די נפשות הרשעים זענען ווי פרטיות'דיגע קרבנות, לאמיר אנרופן דעם רשע ווי א קרבן חטאת, און די 'נפשות הצדיקים' זענען ווי כללות'דיגע קרבנות, לאמיר עס אנרופן ווי א קרבן עולה.

דאס איז די לשון חז"ל (במדבר רבה כא ג) 'יעדער וואס פארגיסט די בליט פון די רשעים, איז דאס פארעכנט ווי ער האט מקריב געווען קרבנות'. אויך שטייט (פסיקתא רבה פ"ב פ"ז) 'אמר הקב"ה לדוד, חייך, כל דמים ששפכת, היו לפני קרבנות'. קרבנות איז מבטל די 'ישות' פונעם בעל חי, דער 'בעל חי' ווערט אויס, דער 'בעל חי' ווערט נסתלק און נתעלה למעלה, די זעלבע זאך דורכן פארגיסן די בלוט פון די רשעים, הייבט מען אויף די 'ישות' פון די וועלט, די ישות פון די וועלט ווערט צוריק נתבטל אויף ארויף.

באמת איז דאס נישט נאר 'נפשות הרשעים', אלעס וואס ס'איז דא אויף דער וועלט גייט אמאל שטארבן, יעדער מענטש גייט אמאל שטארבן, און די ענין פון דעם איז אז די 'ישות' פונעם מענטש זאל צוריק נתבטל ווערן למעלה. מתחלה פארן געבוירן איז דער מענטש אויבן, און ער ווערט געבוירן דא אונטן ווי א גאנצע 'יש', ער בויט און בויט זיין 'ישות' מער און מער, און נאר דורכן שטארבן ווערט די 'ישות' צוריק נסתלק און נתבטל למעלה, אזוי ווי ביי קרבנות (אויב האט ער די זכיה איז ער ווי א 'עולה תמימה', און אויב נישט חס ושלום איז ער א חטאת אדער א אשם וכדומה).

◆ **מסירות נפש כקרבנות**

'מסירת נפש' איז במקום קרבן, ביי א 'קרבן' געבט ער נאר זיין געלט, ביי 'מסירת נפש' געבט ער אויך זיך אליינס, און ס'איז נישט דא קיין גרעסערע און חשוב'ערע קרבן ווי דעם, ער איז חשוב מקובל ומרוצה פארן אייבירשטן ווי א קרבן 'עולה כליל'.

פאסטן תעניתים איז 'במקום קרבן', ווי די גמרא זאגט אין מסכת ברכות (יז ע"א) 'יהי רצון מלפניך שיהא חלבי ודמי שנתמעט, כאילו הקרבתיו לפניך על גבי המזבח ותרצני'. אזוי שטייט אויך אין מדרש (במדבר רבה יח יז), און אזוי שטייט אויך אין זוהר הקדוש (ח"ב כ ב) 'אמר רבי יצחק מתוך תעניתו של אדם מחלישין אבריו וגובר עליו האש ובאותה שעה צריך להקריב חלבו ודמו באותו האש והוא הנקרא מזבח כפרה'. אויך יסורים זענען מכפר ווי קרבנות, 'חביבין יסורים, כשם שהקרבנות מרצין, כך יסורים מרצין, ולא עוד אלא שהיסורים מרצים יותר מן הקרבנות, שהקרבנות בממונו והיסורים בגוף'. און דאס איז אלעס די זעלבע יסוד אז די גוף זעלבסט ווערט נתבטל פארן אייבירשטן.

ענדליך צו די זאכן איז די מצוה פון מילה וואס די ספרים הקדושים זאגן אז דאס איז ווי קרבנות, ווי ס'איז מבואר אין זוה"ק (לך לך צד ע"ב) און אין תנחומא (וירא ו) 'אמר ר' יצחק נאמר במילה עבודה ונאמר בקרבנות עבודה', מה עבודה האמורה בקרבנות דמים, אף עבודה האמורה במילה דמים, כיון שאדם מטיף טיפה אחת של דם, היא חביבה לפני הקב"ה כקרבנות. (וכן אמרו בפרקי דר"א סוף פרק י').

און אזויווי ס'איז דא בגוף, אז דער גוף געבט גייט דורך און דאס איז במקום קרבן, די זעלבע איז דא מיטן נפש, אז דער

המשך בעמוד האחרון

## כורש ואחשורוש בדמוקרטיה

די חז"ל זאגן 'מפני מה נתחייבו וכו' כליה, מפני שנהנו מסעודתו של אחשורוש'. אלע פרעגן 'מה זה ועל מה זה', וואס קומט זיך א עונש אויף דעם וואס זיי האבן הנאה געהאט, מעג מען דען נישט אביסל הנאה האבן אויף די וועלט. אנדערע זענען מסביר מכח די איסור פון 'מסיבות עובדי עבודה זרה', אבער די לשון חז"ל 'מפני שנהנו וכו'' קוקט נישט אויס אז מ'רעדט פון דא פון די איסור פון 'מסיבות עבודה זרה', מ'זעט בכלל נישט אין חז"ל אז 'סעודתו של אותו רשע' זאל האבן צו טון מיט 'עבודה זרה'. אויך די 'הכשרים' זענען געווען דארט אויפן בעסטן ארדענונג, אלעס מיט די הכשר פון מרדכי, איז וואס איז געווען די גרויסע חטא פון 'מפני שנהנו וכו'.

אונז לעבן היינט אין א דמוקרטישע וועלט, אז מ'איז זיך מתבונן אין די מגילה מיט ברילן פון א היינטיגער, מיט ברילן פון 2024, לאסט זיך דמיונ'ן דמוקראטישע ענינים אין די מגילה. צום ערשט איז אחשורוש עולה לגדולה אפילו ער איז נישט קיין 'בן מלך', ער איז געווען דער חשובסטער אדער דער רייכסטער צווי מהלכים אין גמרא, 'ליכא איניש דחזי למלכא כוותיה', אדער 'ממונא יתירה היא דיהיב' (מגילה דף יד), ממש ווי אין די דומקראטישע מדינות, ווער ס'קען אנדרייען מער מענטשן און מער געלט, ער איז דער וואס איז עומד בראש, ער באקומט דעם בענקל.

און ס'איז יתכן אז אחשורוש'ס מלוכה איז ממש צוגעגאנגן מיט 'וואוטס', די עולם האט אריינגעוואוויט פאר אים, דאס מיינט די חז"ל אז ער איז געווען די חשובסטער.

די גאנצע גרויסע סעודה וואס אחשורוש האט געמאכט מקרב צו זיין דעם עולם, וואלט זיך געפאסט פאר די היינטיגע דמוקראטישע וועלט, אין די אמאליגע וועלט וואס מ'זעט נישט די מושגים פון מקרב זיין דעם עולם, הערט זיך אזוי שווער די מושג, די טרעפסט עס נישט ביי קיינעם פון די אמאליגע קעניגען. די ברייטקייט ביי די סעודה, די גאנצע 'צימעס' פון די 'משתה נשים' ו'משתה אנשים', די סאמארטאכע וואס ס'איז דארט געווען, אלעס קלינגט מיט די היינטיגע דעמאקראטיע און שמיץ. און פארשטייט זיך אז דער 'לעשות כרצון איש ואיש', דאס שרייט דאך ממש ארויס 'דמוקרטיה', די גאנצע ציל דארטן איז געלאפן מיט דמוקרטיה (כידוע מעיקרי היסודות של ה'דמוקרטיה' היא להתחשב גם עם כל יחיד ויחיד, 'כרצון איש ואיש').

## כורש וחופש דת

אז מ'קוקט נאך די ספרי היסטוריה זעט מען אז 'כורש' - וואס איז געווען דער מלך אין פרס גלייך פאר אחשורוש - ער ווערט פאררעכנט פאר דער ערשטער 'דמוקראט' אין די היסטוריה', ווי מ'זעט אויפגעשריבן אויף די 'גליל כורש' (א גרויסע שטיק 'חרס' אין די צורה פון א 'גליל', אויסגעקריצט די חוקים פון כורש מלך פרס, וואס ליגט היינט אין די בריטישע מאוזיום), 'כורש' האט געגעבן 'חופש דת' פאר אלע ריליגיעס, כורש האט אויסגעריפן 'חירות עבדים', ער איז ווארשיינלעך געווען דער ערשטער אין די היסטוריה ביי די גוים צו באפרייען עבדים, וואס דאס איז פון די שטרקע שפיצן פון דמוקרטיה, 'שחרור עבדים' (אגב; בתורה יש מושג של שחרור עבדים, ישראלים יוצאים בשש, וגם ל'עבדים כנענים' יש מקום לשחרור על ידי 'גט שחרור', ונעשה יהודי כידוע. אבל למעשה עוברים בעשה ד'לעולם בהם תעבודו').

איז לפי זה איז נישט קיין חידוש אז 'אחשורוש' זיין נאכפאלגער האט זיך אויך אזוי געפירט, די ערשטע זאך האט ער זיך געשטעלט חנפנ'ן דעם עולם מיט סעודות ('פאדיס' בלע"ז), אזוי ווי די דומקראטישע מדינות וואס מ'דארף האבן דעם 'עולם', מ'דארף חנפ'נן דעם עולם מ'זאל מיט ארבעטן, דער עולם זאל וואוטן ווען מ'דארף, דער עולם זאל זיין דערביי. און דאס איז די גאנצע סמארטאכע מיט די מענער און פרויען דארטן, פונקט ווי אין די דעמקרטישע מדינות וואס אלעס לויפט אויף 'שויון', גלייכבארעכטיגקייט צווישן מענער און פרויען וכו', אלע מענטשליכע מחיצות פאלן ליידער אוועק. (די וויידעל פון 'ושתי' קען מרמז זיין אויף די השתוות פון מענטשן צו בהמות, כידוע אין דמוקרטיה פון די 'צער בעלי חיים גראפעס', וואס שרייען אז די בהמות האבן אויך א זכות קיום וכו' וכו', א 'שויון' צווישן מענער און פרויען און צווישן מענטשן מיט בהמות וחיות).

> **די תיקון אויף 'נהנו מסעודתו של אחשורוש', איז 'הדר קבלוה מאהבה', די רוח פון 'דמוקרטיה' און אהבה וואס ס'איז דעמאלטס געווען אין די וועלט, דאס האט צוגעהאלפן אז די יודן זאלן קענען מקבל זיין די תורה מאהבה, נוצן די 'דמוקרטיה' אבער נאר צום גוטען**

און מיט דעם פארשטייט מען וואס 'אחשורוש' האט געלאדענט די יודן צו די סעודה, וואס דאס ווייזט אונז די 'דמוקרטיה' וואס איז דארט געווען, בפרט אז ער האט גאר איינגעלאדענט די תלמידי חכמים במיוחד, און ער האט זיך נאך דורכגערעדט מיט זיי וועגן 'ושתי', ווי די פסוק זאגט 'לפני כל יודעי דת ודין', איז וואס דארפסטו מער 'דמוקרטיה' ווי דעם.

## לפני כל יודעי דת ודין

איינער פון די שטארקע נקודות פון 'דמוקרטיה' איז אז ס'איז דא א 'סעניט', א ערוועלטע 'בית משפט' פאר די מלוכה ענינים, ערוועלט דורך די פאלק, און דער פרעזידענט האט נישט קיין רשות צו טון עפעס אין די מדינה, אָן די רשות פון די 'סעניט'.

די ענין פון א 'סעניט' האט זיך אנגעפאנגן נאך ביי די רומיער, דער 'מלך' איז ערוועלט געווארן דורך די 'סעניט' (ווי די חזל פארציילן אין מסכת מגילה דף ז ווי די רוימיער פלעגן זיך ארומהארגענען צו שטעלן א קעניג). ס'איז יתכן אז דא ביי אחשורוש זעט מען שוין דעם ענין, אחשורוש האט זיך דורכגערעדט מיט די 'יודעי דת ודין', די יודעי דת ודין פון פרס, און די חכמי ישראל ווי די חז"ל זאגן, ער האט עס געדארפט אדורך רעדן מיט די סעניט. די פסוק זאגט 'כי כן דבר המלך', און רש"י הקדוש איז מסביר אז אזוי איז די סדר פונעם קעניג פארצולייגן די זאך פאר די יודעי דת ודין, דער קעניג האט נישט געקענט טון וואס ער האט געוואלט, ער האט עס געדארפט אדורך רעדן מיט די 'סאנאט'.

אזוי אין די גאנצע מגילה זעט מען ממש פארקערט, אחשורוש האט געטון וואס ער האט געוואלט, די אגרות ראשונות צו הארגענען די יודן, די אגרות שניות צו הארגענען די שונאי ישראל, אלעס איז געגאנגען בלויז אויף זיין חתימה זעלבסט, ער האט געהארגעט המן אויף זיין אייגענע האנט, ער האט גרויס געמאכט מרדכי אויף זיין אייגענע האנט וכו'.

איז דער מלבי"ם (וכן מובא בשם הגר"א) זאגט אז דאס איז אלעס נתחדש געווארן יעצט ביי די מעשה פון 'ושתי', פארדעם איז געווען די געזעץ אז ער דארף אלעס דורך רעדן מיט די סענאט, אבער דארטן ביי די מעשה פון 'ושתי' האט דאס געמאכט פראבלעמען,

המשך בעמוד הבא

# פורים

המשך

האט המן הרשע אנגעטראגן דעם פלאן אז דער קעניג זאל נישט זיין געבונדן צו די סענאט. 'אם על המלך טוב יצא דבר מלכות מלפניו', דער קעניג זאל האבן די רשות אז גרויסע זאכן וואס האט מיט די מלוכה זאל ער קענען אליינס אפמאכן. און פון דא איז געקומען שפעטער די ישועה אז ער האט געקענט הארגענען המן אָן רשות פון די 'סענאט', און ער האט געקענט גרויס מאכן מרדכי אויף די אייגענע האנט.

## הדר קבלוה מאהבה

מיט דעם פארשטייט מען די חטא פון 'נהנו מסעודתו של אותו רשע', די חטא פון זיך 'משוה' זיין מיט די גוים, די יודן זענען מיט געשלעפט געווארן מיט די 'דמוקרטיה' פון די גוים, בפרט אז דאס איז בעצם געווען לטובתם, דאס וואס 'כורש' האט געלאזט ארויף גיין בויען דעם בית המקדש, האט פון אויבן אויף געהאט צו טון מיט די 'דמוקרטיה' זיינער, ממילא האבן זיך די יודן טועה געווען און נמשך געווארן נאכדעם.

ווי די יערות דבש איז מסביר אז אפילו די חכמי ישראל האבן געמוזט גיין צו די סעודה, פאר די טובה פון כלל ישראל וכו', אבער זיי וואלטן עס געדארפט טון מיט א צובראכן הארץ און זיך האלטן אפגעטיילט פון די גוים, און נישט חס ושלום זיך פארגלייכן מיט זיי. איז קען טאקע זיין אז מ'קען נישט פונקטליך אנצייכענען וועלכע חטא דאס איז געווען, אבער א יוד דארף אליינס פארשטיין אז די גאנצע תורה איז מיוסד אויף פרישות פון די גוים, דאס איז די כללות פון די תורה, די הבדלה בין ישראל לעמים', און דאס דארף אלעמאל זיין די ערשטע זאך און די שטערקסטע זאך ביי א יוד.

און די תיקון אויף 'נהנו מסעודתו של אחשורוש', איז 'הדר קבלוה מאהבה', די רוח פון 'דמוקרטיה' און אהבה וואס ס'איז דעמאלטס געווען אין די וועלט, דאס האט צוגעהאלפן אז די יודן זאלן קענען מקבל זיין די תורה מאהבה, נוצן די 'דמוקרטיה' אבער נאר צום גוטען. און דאס האט 'מרדכי הצדיק' דורך געבראכן, 'ומרדכי לא יכרע ולא ישתחוה', מרדכי האט זיך מבדיל געווען פון די גוים מיט מסירת נפש, דורך דעם האט ער זיך אויפגהויבן אז אלע יודן זאלן האבן די כח צו זיין אפגעטיילט פון די גוים, און ממילא איז 'דמוקרטיה' געווארן ריין, א יודישע ריינע דמוקרטיה וואס האט זיי געהאלפן מקבל זיין די תורה מאהבה.

די חז"ל (מגילה דף יב) זאגן שוין אויף 'כרצון איש ואיש', אז 'מלך טיפש היה', ס'איז נישט שייך צו צושטעלן צו יעדן איינעמס רצון. אויך כלל דעם וואס דמוקרטיה איז דוגל זיך צו רעכענען מיט יעדער יחיד, איז נישט מציאות'דיג, א מדינה דארף געפירט ווערן ביד רמה, מיט כללים חוקים און דיסציפלן, און ווי מ'זעט קלאר אין די היינטיגע דמוקרטיה ווי ס'איז הפקרות טפשות און רשעות, 'אהבה' וואס איז נישט אויסגעמישט מיט 'יראה', איז נישט קיין אהבה, ס'איז הפקרות און רשעות, א אמת'ע דמוקרטיה איז נאר פון די תורה, וואס לערנט אויס צו נוצן די 'אהבה' ריכטיג, אין די ריכטיגע זמן.

אבער אזוי סאך אז זיי האבן געקענט נוצן די רוחות פון דמוקרטיה וואס האט דעמאלטס געבלאזן און עס אויפהייבן צו קדושה, דורך די רוחות פון אהבה וואס האט געבלאזן, האבן זיי געקענט נעמען די יראת השם פונעם יוד, די יראה פון שמירת התורה והמצות, און עס אויפהייבן צו אהבה. 'הדר קבלוה מאהבה', זיי האבן אויפגעהויבן די יראה פון שמירת התורה והמצות, און עס געברענגט צו אהבת השם.

# פרשה

המשך

נפש גייט דורך און דאס איז במקום קרבן. דער נפש האדם קערט זיך צוריק צו זיין פלאץ, דער נפש איז נתרחק געווארן, און דורך תשובה איז דאס ווי א קרבן וואס איז אים מקרב, 'מנין למי שהוא עושה תשובה שמעלין עליו כאילו עלה לירושלים ובנה את בית המקדש ובנה את המזבח ומקריב עליו כל הקרבנות שבתורה, מן הדין קרא - זבחי אלקים רוח נשברה -. א קרבן מיינט אז די וועלט איז נתרחק געווארן, און מ'דארף עס צוריק מקרב זיין, וואס דאס איז בעצם 'תשובה', צוריקברענגען אלעס צו איר שורש, די וועלט איז נתרחק געווארן אויף אראפ, און דורך תשובה ברענגט מען עס צוריק ארויף מלמטה למעלה.

נאך א כללות'דיגע זאך וואס ווערט פארערעכנט ווי קרבנות, איז די מצוה פון צדקה און גמילת חסדים, ווי ס'איז מבואר אין ירושלמי (ברכות ב א) אז 'צדקה' האט אסאך מעלות מער ווי קרבנות. אויך שמחת חתן וכלה ווערט פארערעכנט ווי קרבנות, 'כל המשמח חתן וכלה כאילו הקריב תודה' (ברכות). אויך 'מתנות עניים' זאגן די חז"ל (ספרא אמור פ"ג יב) אז ס'איז ווי קרבנות. אויך איז ידוע די חז"ל אז 'שלחנו של אדם מכפר', אויב מ'איז מאריך ביים סעודה און מ'געבט צדקה, איז דאס פארערעכנט ווי קרבנות. אז מ'איז מארח א תלמיד חכם איז דאס 'כאילו מקריב תמידין' (ברכות י ע"ב). אז איינער וויל מאכן 'ניסוך היין' זאל ער ממלא זיין גרונם של תלמידי חכמים' (ועי' באבות דר"ן פ"ד פעם אחת היה רבן יוחנן בן זכאי יוצא וכו').

און אזוי איז דאס נאך פיל זאכן וואס זענען 'כאילו הקריב', אדער 'במקום קרבן', און די יסוד איז ווי געשמועסט אז 'קרבנות' איז די כללות פון אלע עבודות, און אין אלע עבודות דארפן מען קענען טרעפן די ענינים פון 'קרבנות'.


נא לא לקרוא הגליון בעת התפילה וקריאת התורה

לשמוע שיעורי הרב שליט"א בקול הלשון - 1-646-655-0559

אויף אידיש 1,

**1.** שיעורים מהתקופה האחרונה | **2.** שיעורים | **3.** דיבאטעס | **4.** יום יומי שיעורים | **5.** על הפרשה | **6.** משנה וגמרא | **7.** הלכה | **8.** מוסר וחסידות |
**9.** סיפורי צדיקים | **10.** אינטערסאנטע טאפיקס | **11.** שבת | **12.** מועדים | **13.** נשואין | **14.** פארברענגען | **15.** מדרש | **16.** סליידס (שקופיות) | **17.** מצגות

אויף נ"ך 2 - שיעורים על רוב תנ"ך.

אם ברצונכם לקבל הגליון במייל בכל שבוע, נא לפנות: zum-pintel+subscribe@googlegroups.com
או לשלוח בקשה: shalomlangs@gmail.com

לנדב הגליון לברכה והצלחה או לפרסם בו, וכן הרוצה להזמין את הרב שליט"א למסור שיעורים בישיבות ובכוללים,
נא להתקשר למכון מישרים 845-362-4982, או לשלוח מייל shalomlangs@gmail.com



עיצוב: י.ג. +972-50-413-8477